השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך

ווין

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת בהעלותך שנת תשפ"ג לפ"ק**

### במסיבת לחיים אחר תפלת שחרית בישיבה קטנה 'אוצר התורה' דקהלתנו הק' במאנסי

יום א' פרשת בהעלותך תשפ"ג לפ"ק

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים, איך באקום ב"ה שיינע גריסן, אז מען לערנט פלייסיג, ערליך, מיט יראת שמים און מדות טובות, און אלעס וואס א חסידישער בחור דארף צו האבן.

**עס** איז דא א קאפיטל אין משלי, וואס שלמה המלך זאגט, אשת חיל מי ימצא. און רש"י ברענגט צו, אז דער פסוק גייט אויך ארויף אויף די תורה, די תורה ווערט אנגערופן אשת חיל. און די אלע מעלות וואס איז אויסגערעכנט אין דעם קאפיטל פון אשת חיל, איז אלעס פארבינדן מיט די תורה. טעמה כי טוב סחרה, לא יכבה בלילה נרה (משלי לא-יח), ווען מען איז טועם ווי גוט עס איז תורה, הנחמדים מזהב ומפז רב, ומתוקים מדבש ונופת צופים (תהלים יט-יא), קען מען נישט איינשלאפן ביינאכט, מען לעשט נישט אויס די ליכט, מען לעשט נישט אויס די לעקטער, ער וויל נאך אריינכאפן נאך א שטיקל תורה.

**און** ער ענדיגט, צופיה הליכות ביתה, מען קוקט זיך אים אויף די הליכות פונעם שטוב, ולחם עצלות לא תאכל, און מען עסט נישט קיין פוילע ברויט. עס איז דא א מדה פון עצלות, **עס זענען דא מענטשן וואס זענען זרוזים, אלעס טוען זיי שנעל און געשיקט, נאכדעם איז דא א מענטש וואס איז פויל, יעדע זאך איז ביי אים א עול. מען דארף זיך אויפהייבן פון בעט, איז עס א עול. ער זיצט שוין אויפן בענקל, און ער דארף זיך אויפהייבן פונעם בענקל, איז עס ביי אים א עול. תורה קען מען נישט זוכה זיין מיט קיין עצלות, ולחם עצלות לא תאכל, צו תורה דארף מען האבן זריזות. יתגבר כארי לעבודת הבורא** (שו"ע או"ח א), **צופרי דארף מען אויפשטיין מיט א התגברות. ווען עס קומט צו לערנען, אפילו אמאל איז מען מיד וכדומה, מען ווערט נישט קיין עצל, מען איז זיך מתגבר שטענדיג אויף לימוד התורה.**

**מען** געפונט אין די הפטורה די פאריגע וואך, מען האט גערעדט פון מנוח און אשת מנוח, אז דער מלאך איז געקומען צו אשת מנוח, און ער האט איר געזאגט, אז זי גייט האבן א קינד, וואס וועט זיין א נזיר, און שפעטער איז אויסגעוואקסן אין דעם שטוב שמשון הגבור. און דער מאן האט געזאגט, אז מען זאל בעטן אז דער איש האלקים זאל צוריק קומען נאכאמאל,

על הטוב יזכר ידידינו מוה"ר **יואל משה בינער** הי"ו
אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים
לרגל נישואי בנו החתן **חיים** ני"ו למזל טוב

ווייל ער האט נישט געהערט, נאר זי האט געהערט. מען האט מתפלל געווען, און דער מלאך איז געקומען נאכאמאל. ווען זי האט געזעהן דעם מלאך קומען נאכאמאל, שטייט אין פסוק (שופטים יג-י), ותמהר, זי האט זיך געאיילט, צו גיין פארציילן פאר איר מאן, אז דער איש האלקים איז אנגעקומען. דער מדרש זאגט, ותמהר, זי האט זיך געאיילט, פון דא איז געדרינגען, אז צדיקים טוען יעדע זאך מיט א מהירות, מיט א שנעלקייט. זי האט געקענט גיין שטאט, פארוואס האט זי זיך געאיילט. ווייל דאס איז די וועג פון צדיקים, אז זיי טוען אלעס מיט א זריזות. ותמהר, האט זי זיך געאיילט.

**עס** איז דא א ספר פונעם גאון **רבי חיים קניבסקי זצ"ל**, עס הייסט **טעמא דקרא**, און ער שטעלט זיך, פארוואס האט מען געדארפט ברענגען א ראיה אז מען טוט אלעס בזריזות, פון דעם פסוק, א פסוק אין שופטים. אין חומש איז דא אסאך מאל וואס מען זעהט ביי די פריערדיגע אז זיי האבן געטון מיט זריזות. אברהם אבינו, ווען מען האט אים געהייסן גיין צו די עקידה, וישכם אברהם בבוקר, ער איז אויפגעשטאנען אינדערפרי, און ויחבוש את חמורו, ער האט נישט געווארט אז אנדערע זאלן עס טון. ער איילט זיך צו, און ער גייט צו די עקידה. פארוואס דארף מען האבן דערויף א פסוק פון נ"ך.

**זאגט** ער, פון חומש, פון אברהם אבינו, איז נישט קיין ראיה, ווייל א מאן דארף אוודאי טון יעדע זאך בזריזות, עס איז דאך דא א מצוה פון לימוד התורה, יעדע מינוט דארף מען לערנען, און יעדע מינוט וואס ער גיט אוועק פאר עפעס אנדערש, און ער וואלט עס געקענט איינשפארן, ער וואלט עס געקענט מאכן שנעל, און ער מאכט עס שטאט, האט ער מבטל געווען פון תורה. אברהם אבינו, ווען איך הייס אים עפעס טון, און ער קען עס טון אין צען מינוט, און ער טוט עס אין פופצן מינוט, ער גייט פארפאסן פינף מינוט פון לימוד התורה. אויף א מאן אז ער דארף זיך איילן, דארף מען נישט קיין פסוק. דא איז אבער געווען א אשה, אשת מנוח, אפילו זי איז געווען א ערליכע, אבער ביי איר איז נישט דא קיין ענין פון לימוד התורה, און פון דעסטוועגן דאך האט זי זיך געאיילט.

**פרעגט** ער ווייטער, דאס אז ביי א אשה איז אויך דא א ענין זיך צו איילן, שטייט אויך אין חומש. מען געפונט ביי שרה אמנו, מהרי שלש סאים קמח סולת (בראשית יח-ו), איייל דיך צו, און ברענג שלש סאים קמח. ביי רבקה שטייט (בראשית כד-יח), ותמהר, זי האט זיך געאיילט, ותרד כדה על ידה ותשקהו, און זי האט געברענגט צו טרינקען. טרעפט מען דאך אויך ביי א אשה, אז מען דארף טון א זאך בזריזות, ערליכע יודען טוען א זאך מיט א מהירות. וואס איז דער חידוש, וואס מען לערנט עס ארויס פון די פרשה.

**ענטפערט** ער, פון דארט איז אויך נישט א ראיה. דארט רעדט מען דאך פון א מצוה, מען האט געדארפט געבן צו עסן פאר דריי אורחים וואס קומען, אוודאי דארף מען זיך איילן, מען קען דאך אויסגיין ביז מען וועט ברענגען דאס עסן. מען דארף זעהן ווי פריער צו טון דעם חסד, ווייל יענער איז דאך הונגעריג, האט מען זיך געאיילט. רבקה זעהט ווי עס קומען אן אליעזר מיט די גמלים, זיי זענען דארשטיג, מען דארף טרינקען, ותמהר, האט זי זיך געאיילט, מען זאל טרינקען מיט א מינוט פריער, אויף דעם דארף מען אויך נישט קיין ראיה, אז מען דארף טון א זאך בזריזות. דא איז אבער געווען סתם, צו גיין פארציילן פאר איר מאן, אז עס איז אנגעקומען דער איש האלקים. נו וועט עס נעמען מיט נאך פינף מינוט, ביז זי וועט אנקומען צו איר מאן. פארוואס ותמהר, האט זי זיך געאיילט. פון דא איז א ראיה, אז מען דארף טון יעדע זאך בזריזות. אזוי זאגט דער טעמא דקרא.

**פארוואס** טאקע דארף מען עס טון בזריזות? מען רעדט שוין פון א פרוי, און זי טוט נישט יעצט קיין דבר מצוה, פון דעסטוועגן זאגט מען, מעשיהם של צדיקים זענען בזריזות, ווייל א צדיק טוט יעדע זאך מיט א זריזות, פארוואס.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש לעבן. לעבן איז א געוואלדיגע מתנה פונעם אייבערשטען. מען זאגט אויף א מענטש אז ער לעבט אזויפיל און אזויפיל יארן, דאס איז טייטש, אז מען האט אים געגעבן צייט אין לעבן, אזויפיל און אזויפיל. ווען א מענטש נעמט די צייט, און ער גיט עס אוועק פאר ליידיגקייט, האט ער גענומען א חלק פון זיין לעבן, וואס די צייט וואס א מענטש איז אויף די וועלט, דאס איז לעבן, און דאס האט ער מבזבז געווען, ער האט עס צו-וואסערט, עס איז נישט געבליבן דערפון גארנישט. א יוד דארף שטענדיג

אויסנוצן יעדע מינוט וואס מען האט, פאר עבודת ה', צו דינען דעם אייבערשטען. אז עס קומט עפעס אונטער וואס דו דארפסט טון, טו עס, מאך עס די שנעלסטע וואס דו קענסט, וועסטו זיין פריי אז דו זאלסט קענען נאכדעם טון א צווייטע זאך, אן עבודה פארן אייבערשטען. אפילו ביי א אשה, וואס איז נישט דא קיין לימוד התורה, איז מעשיהם של צדיקים איז אלץ מיט א מהירות, מיט א שנעלקייט. **און כל שכן ווען מען רעדט פון א מאן, איז דאך אוודאי אז מען דארף טון יעדע זאך מיט א זריזות, מען דארף עסן שנעל, און ערלעדיגן זיינע צרכים שנעל. נאך פרישטיג זאל ער קענען זיך גראד זעצן לערנען, נאך מיטאג זאל ער זיך גראד זעצן לערנען. אויף דעם איז געגעבן געווארן דאס לעבן, אז דער לעבן, דיין צייט, זאל נישט אוועק גיין אומזיסט.** אפילו א גוי פארשטייט, אז די צייט פונעם מענטש, איז לעבן. עס איז דא א ענגלישע שפריך ווארט, ווען מען זעהט איינער ברענגט אן די צייט, זאגט מען אים, ה"י קיל"ס הי"ז טיי"ם. ער הרג'עט זיין צייט. וואס איז טייטש ער הרג'ט, וואס הרג'ט ער. ער טוט דאך גארנישט, ער ברענגט נאר אן די צייט. יא, ווייל לעבן דאס איז צייט, און אז מען ברענגט אן די צייט, האסטו אוועקגע'הרג'ט די צייט, זאגט מען, דו האסט גע'הרג'ט צייט. און דאס איז דער כל מעשיהן של צדיקים איז אלעס במהירות, כדי ער זאל האבן נאך צייט, ער זאל קענען אויסנוצן פאר תורה און עבודת ה'. - דאס איז דער ולחם עצלות לא תאכל, ווען עס קומט צו תורה, איז נישט דא קיין לחם עצלות, מען קען נישט זוכה זיין צו תורה מיט אן עצלות. מען דארף האבן שטענדיג די מדה פון זריזות, צוצוקומען צו כתרה של תורה.

*

**און** ער הייבט אן קודם מיט צופיה הליכות ביתה, און נאכדעם ולחם עצלות לא תאכל. די וואך אין די פרשה, איז דאך די פרשה פון הדלקת המנורה. יעדער ווייסט אז אין משכן, און אין בית המקדש שפעטער, האט מען געצינדן די מנורה. די מנורה איז באשטאנען פון די מיטעלסטע חלק פון די מנורה, און פון דעם זענען געווען דריי קנים פון די זייט, און דריי קנים פון יענע זייט, וואס צוזאמען איז געווען זיבן נרות וואס מען האט געצינדן. און אלע זעקס נרות פון די צוויי זייטן פון די מנורה, האבן זיך געבויגן אל מול פני המנורה, צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. וואס אין די מפרשים אויפן פלאץ שטייט, אז 'מנורה' ווערט נישט אנגערופן די גאנצע געשטעל פון די מנורה, ווי אונז רופ מיר היינט א מנורה. נאר די מיטעלסטיגע חלק, וואס פון דעם קומט ארויס די איבריגע, דער איינציגער ליכט וואס איז אויבן, דאס ווערט אנגערופן 'מנורה'. די אנדערע הייסן קני המנורה, עס איז נאר די רארען וואס קומען ארויס פון די מנורה. אל מול פני המנורה, צו די מיטלסדיגער חלק פון די מנורה, יאירו שבעת הנרות, האבן געדארפט לייכטן די איבריגע.

**אין** די מפרשים שטייט זייער אסאך כוונות, וואס איז דער ענין, אז אלעס האט זיך געדארפט בייגן צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה. און די מיטעלסטע חלק פון די מנורה איז געווען, לויט איין דעה, דער נר המערבי, וואס פון דעם האט מען אנגעצינדן אלע נרות, און ביי דעם האט מען געענדיגט. און אלע האבן זיך געבויגן צו די מיטעלסטע חלק פון די מנורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אז עס איז דא א משפיע מיט א מקבל. דער עלטערער, דער חשוב'ער, וואס איז שוין מער אויפגעבויט פון דעם יונגערן, ער איז א משפיע פאר דעם יונגערן, און דער יונגערער איז דער מקבל. טאטע מאמע זענען משפיע פאר די קינדער, און די קינדער זענען די מקבלים. דער רבי פון א מענטש איז זיין משפיע, און ער איז דער מקבל. דאס איז כולל סיי דער מגיד שיעור ביי וועם ער לערנט, וואס איז משפיע אויף אים. דאס איז כולל דער מנהל, דער משגיח, דער רב, דער רבי, עס איז נישט קיין נפקא מינה וואס פארא נעמען זיי האבן. יעדער איינער וואס איז משפיע אויף א צווייטן, איז ער דער מנורה, ווייל ער איז דער משפיע, פון אים צינדט מען אן די איבריגע, און אלע קני המנורה זענען די מקבלים.

**כדי מען זאל קענען מקבל זיין, מוז זיין הכנעה. אויב מען בייגט זיך נישט צו דעם מקבל, קען מען נישט מקבל זיין. מען מוז זיך האלטן נידריג, איך בין דער כלי וואס איז מקבל, העכער מיר איז דא איינער וואס גיסט אויף מיר, דעמאלטס קען מען מקבל זיין. ווען מען וויל גיסן פון א פלעשל, מען וויל אריינגיסן אין א גלעזל, מוז זיין די גלעזל נידריגער, און דעמאלטס קען מען גיסן דערין, און מען קען עס אנפילן ביז ארויף. אויב דער גלעזל האלט זיך פונקט אזוי הויעך ווי דער משפיע, קען ער נישט מקבל זיין. דו קענסט**

**נישט גיסן אויף אים, ער איז העכער. אסאך מאל האלט ער, ער איז נאך קלוגער פון די וואס זענען משפיע אויף אים, אבער על כל פנים ער האלט זיך כאטש אין איין מדריגה מיט אים, ער פארשטייט אויך פונקט אזוי ווי דער משגיח פארשטייט, וכדומה וכדומה. אז מען וויל מקבל זיין, קען מען נישט מקבל זיין נאר אז מען איז זיך מכניע, איך בין נידריגער. וואס איך הער פון מיין משפיע, דאס בין איך גרייט אנצונעמען. אויב איך הייב אן צו מאכן חילוקים, דאס יא, דאס נישט, איז טייטש אז איך פארמעסט זיך מיט אים. עס איז דא זאכן וואס ער איז יא גערעכט, און זאכן וואס ער איז נישט גערעכט.**

**דאס** האט אונז די תורה געלערנט. מנורה דאס איז נר מצוה ותורה אור. ביי מנורה איז דא די מיטעלסטיגער חלק פון די מנורה, דאס איז דער משפיע. נאכדעם איז דא די קני המנורה, דאס זענען די קינדער, די תלמידים, וואס קומען ארויס פון די מנורה. און זיי דארפן זיין אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, זיי דארפן זיך שטענדיג בייגן צו די מיטעלסטיגער חלק פון די מנורה. וואס מען האט אים געבעטן, גיי איך זיך צושטעלן דערצו. איך וויל זיין א מקבל, איך זאל קענען אריינעמען ווי מער אין מיר. ווי נידריגער מען האלט זיך, דעמאלטס קען מען מער מקבל זיין פון אנדערע.

**אין** דעם איז דא צוויי פרטים. איינס, **א בחור וואס איז אין ישיבה, יעדער מקום האט זיך זיינע תקנות, יעדע פלאץ האט זיך זיין וועג ווי אזוי מען פירט זיך, און ער איז מקבל אלעס וואס ער הערט. ער טראכט נישט, יא, ניין, אפשר אנדערש. איך בין נידריג, איך בין דער ברוינפען גלעזל, און עס איז דא א משפיע העכער מיר וואס גיסט אריין. דעמאלטס איז מען מקבל, און דעמאלטס יאירו שבעת הנרות, לייכט מען.** דאס איז א דבר פשוט.

**אבער** עס גייט ווייטער, אפילו ווען מען האט שוין איבערגעלאזט דעם בית המדרש, און מען גייט אהיים, איז נאך אלץ דא דער משפיע פונעם בית המדרש, וואס דארף אים באלייכטן זיין גאנצער וועג אהיים, ביז ער קומט צוריק מארגן אין די ישיבה. וואס מיינט דאס? **ווען ער גייט ארויס פון בית המדרש, און ער האט א ספק אויף א זאך, דארף ער טראכטן, פאסט עס אז איך זאל עס טון, צו פאסט נישט איך זאל עס טון. מען דארף אייביג קוקן, מיין משפיע וואלט עס געטון? מיין מגיד שיעור וואלט עס געטון? אז ער וואלט עס נישט געטון, טו איך עס אויך נישט. אויב ער טוט עס, קען איך עס אויך טון.** אין בית המדרש לערנט מען דאך, אבער ווען מען גייט שוין אהיים, ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, איז דאך שוין דא אסאך גשמיות'דיגע זאכן אויך, און ער וויל עפעס טון, דארף ער אלץ קוקן, וואלט דאס געפאסט, אז מיין מנהל, מיין משגיח, מיין רבי, זאל עס טון, טו איך עס. אויב זיי וואלטן עס נישט געטון, דארף איך עס אויך נישט טון. אפילו איך בין נאך יונג וכדומה, איז ער זיך מכניע אונטער דעם משפיע פון וועם ער איז מקבל.

**א** משל, **מען קומט אהיים, מען דארף עסן, ער קען עסן מיט א הוט און רעקל, און ער קען עסן אן א הוט און רעקל. דארף ער טראכטן, וואס וואלט מיין רב, מיין רבי, מיין מנהל, מיין מגיד שיעור געטון, ער וואלט זיך אויך אראפגעזעצט צום טיש עסן אן א רעקל, צו נישט. אויב ער וואלט זיך נישט אזוי אראפגעזעצט צום עסן, דארף איך זיך אויך נישט אזוי אראפזעצן, דאס האב איך מקבל געווען פון מיין משפיע. ער טרינקט א סאדע, מען קען טרינקן א סאדע אריינגיסן אין א גלאז און אויסטרינקען, און ער קען אנכאפן דעם באטל ווי דער גוי טרינקט עס... עס איז נישט קיין הלכה, עס שטייט נישט אין חומש ווי אזוי מען דארף צו טון. אבער עס איז דא א יודישער וועג ווי אזוי מען טוט עס. און א יוד דארף צוריק קוקן אויף זיין מורה דרך, וואלט ער עס געטון, איז גוט, איז א סימן אז עס איז אויסגעהאלטן. אויב ער וואלט נישט געטרינקען א סאדע אזוי, גיי איך אויך נישט טרינקען אזוי דעם סאדע. ווייל איך בין א בחור, מיינט נאך נישט אז איך דארף טרינקען א סאדע אזוי ווי דער גוי טרינקט.** - עס איז דא צענדליגער משלים, איך האב נאר געגעבן אויפן שפיץ גאפל. יעדע זאך דארף מען טראכטן, אין ישיבה וואלט איך עס געמעגט טון, קען איך עס טון אינדערהיים אויך. אויב אין ישיבה איז דאס נישט געווען אויסגעהאלטן, מען האט נישט געהאלטן אז דאס איז א שיינע זאך אז מען דארף אזוי צו טון, דעמאלטס וואו איך בין, דארף איך גיין אין דעם וועג, און עס נישט טון. - דער מיטעלסטיגע חלק פון די מנורה האט געברענט שטענדיג, פיר און צוואנציג שעה, טאג און נאכט. צו מען איז געווען דארט אין מקדש, צו מען איז נישט געווען אין מקדש, און די קני המנורה דארפן אייביג קוקן אויף די מנורה. וואס

איז גוט פאר די מנורה, איז גוט פאר מיר אויך. און אויב עס איז נישט גוט פאר די מנורה, ער וואלט עס נישט געטון, טו איך עס אויך נישט.

**ווען** מען רעדט פון די מעלה פון תורה אין אשת חיל, מען רעדט נישט נאר סתם ווען מען זיצט אין בית המדרש, טעמה כי טוב סחרה, לא יכבה בלילה נרה, מען זיצט און מען לערנט פלייסיג ביז שפעט ביינאכט. צופיה, מען דארף קוקן, הליכות ביתה, ווי אזוי קוקסטו אויס ווען דו גייסט אהיים אין שטוב אריין. די הליכות ביתה, ווען דו הייבסט זיך אויף פון בית המדרש, און דו גייסט יעצט אהיים אין דיין שטוב, אין שטוב איז דא אסאך וואכענדיגע זאכן וואס מען דארף טון אינעם שטוב. צופיה, די תורה דארף דיך באגלייטן דעם גאנצן וועג. וואס דו טוסט נישט אין ישיבה, טוסטו נישט אויף דער גאס, און דו טוסט עס נישט אינדערהיים. וואס מיין משפיע וואלט געהאלטן אז עס איז נישט אויסגעהאלטן, צו דעם האלט איך זיך. דעמאלטס איז מען מצליח.

**דאס** זענען די צוויי נקודות, צופיה הליכות ביתה, ווען א מענטש טוט נישט נאר אין בית המדרש וואס ער האט צוטון, נאר ער זוכט אז די תורה זאל אים באגלייטן, ווען ער גייט אהיים פונעם בית המדרש זאל ער זיך אויך קענען פירן אויף די וועגן ווי מען פירט זיך אין בית המדרש. ולחם עצלות לא תאכל, און יעדע זאך טוט ער מיט א זריזות, מען ברענגט נישט אן קיין צייט, א זאך וואס מען קען מאכן אין פינף מינוט, מאכט ער עס אין פינף מינוט, און ער ציהט עס נישט אויס אויף צען מינוט. דאס איז דרכם של צדיקים, זיי טוען יעדע זאך במהירות.

**מען** רעדט צו אזעלכע חשוב'ע בחורים, וואס הכרת פניהם ענתה בהם, זיי פירן זיך אויף שיין און איידל, ווען זיי געפונען זיך אין בית המדרש. און איך שטעל מיך פאר, אז עס איז צופיה הליכות ביתה, ווען מען גייט אהיים, פארלירט מען נישט די ערנסטקייט וואס מען האט אין בית המדרש. דער באשעפער זאל געבן ווייטער אויך, מען זאל שטייגן, און קענען זיין א אמת'דיגער מקבל. וועלן מקבל זיין, און זיך בייגן, מען קען נישט מקבל זיין ווען מען שטייט אין איין הייעך מיט דעם משפיע. ער שטייט קיינמאל נישט אין די זעלבע הייעך. אמאל דאכט זיך אבער אז ער פארשטייט פונקט אזוי ווי דער משגיח פארשטייט, און ער פארשטייט אפשר בעסער אויך. עס גייט נישט אזוי, דעמאלטס קען מען נישט מקבל זיין. אפילו וואס ער וויל מקבל זיין, איז ער נישט מקבל, ווייל ער איז הויעך, און עס גייט נישט אריין. אז מען וויל מקבל זיין, דארף אייביג זיין אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, ארויפצוקוקן אויף די מדריכים, דאס איז נוגע פארן מנהל, עס איז נוגע פארן משגיח, פאר א מגיד שיעור, פארן דיין, עס איז נישט קיין נפקא מינה, מען דארף אלץ מיטנעמען מיט זיך דעם בילד, אויב דאס וואלט געווען אויסגעהאלטן אין די ישיבה, טוט מען עס אינדערהיים. אויב עס איז נישט אויסגעהאלטן אין ישיבה אזוי צו טון, דארף ער עס אינדערהיים אויך נישט טון, דעמאלטס איז מען זוכה צו כתרה של תורה. - זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל וואקסן ווייטער תלמידי חכמים יראי שמים און ערליך, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם בקרוב אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

## בסעודת הברית של בן הר"ר יעקב (ב"ר אהרן) קליין הי"ו

יום ה' פרשת בהעלותך תשפ"ג לפ"ק

**די** וואך איז די פרשה פון הדלקת הנרות. בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות. דער אייבערשטער האט געהייסן פאר אהרן, ער זאל צינדן די מנורה. ויעש כן אהרן, אל מול פני המנורה העלה נרותיה (במדבר ח-ב), אהרן האט געפאלגט, ער האט אנגעצינדן די מנורה, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים געהייסן. און ווי רש"י זאגט, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, דער שבח פון אהרן איז געווען, אז ער האט נישט משנה געווען. שטעלן זיך שוין אלע, וואס איז דער שבחו של אהרן שלא שינה, אז דער אייבערשטער הייסט אים טון א מצוה, בהעלותך את הנרות, אוודאי האט ער נישט משנה געווען.

**עס** שטייט אין **רמב"ן**, אז לעולם די מצוה פון הדלקת הנרות איז כשרה בזר, נאר צו הטבת הנרות דארף זיין א כהן. און יעדער כהן איז כשר, עס דארף נישט זיין קיין כהן גדול דערצו. די הדלקה קען זיין אפילו דורך א זר, די הטבה וואס דארף יא א כהן, קען זיין א פשוטער כהן, עס איז נישט קיין חיוב אז אהרן הכהן זאל אנצינדן די מנורה. פון דעסטוועגן דאך, זאגט דער רמב"ן, אז די גאנצע פערציג יאר, האט אהרן הכהן נישט צוגעלאזט א צווייטן צו צינדן די מנורה. יעדן טאג איז ער אריינגעקומען אינעם משכן, און ער האט אנגעצינדן די מנורה. דער רמב"ן זאגט דעם טעם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט אים געזאגט 'בהעלותך' את הנרות, איז דאך געווען א געוויסע דיבור, אז דו וועסט אנצינדן די נרות, האט ער אנגעצינדן יעדן טאג. מגיד שבחו של אהרן שלא שינה, דאס איז דער שבח פון אהרן, ער האט דאך נישט געדארפט טון אליין די מצוה, ער האט דאך געקענט איבערגעבן פאר א צווייטן כהן זאל טון די מצוה. די הלכה איז אז ער קען איבערגעבן אפילו פאר א זר, ער מוז נישט אליין אנצינדען יעדן טאג. להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, יעדן טאג איז ער אריינגעגאנגען אנצינדן די מנורה. - און אויסערדעם וואס דער רמב"ן זאגט, די ווערטער פונעם אייבערשטען אליין, בהעלותך את הנרות, איז בעצם א געוואלדיגע מצוה. אין די מצוה פון הדלקת הנרות ליגט גרויסע ענינים, און אהרן האט נישט געוואלט פארפאסן דער ענין וואס ליגט אין הדלקת הנרות, אז ער קען טון די עבודה פארן אייבערשטען, האט ער עס געטון.

**הדלקת** המנורה האט ארויסגעברענגט א קידוש ה', אזוי שטייט אין די גמרא (שבת כב:), פון וואו איז געווען די ראיה אז שכינה שורה בישראל, פון וואו האט מען געוואוסט אז עס איז דא די שכינה אין בית המקדש, אפשר איז עס א בנין אן השראת השכינה. זאגט די גמרא, אז די מנורה האט מעיד געווען דערויף. ווייל דער נר המערבי נותן בו שמן כמנין חברותיה, וממנו היה מדליק ובה היה מסיים, עס האט געברענט לאנג. קומט אויס אז די עצם מנורה, דאס האט ארויסגעברענגט דעם גאנצען קידוש ה' וואס איז דא אינעם משכן. און ווער עס צינד אן די מנורה, דער האט געהאט דעם חלק דערין, ער האט ארויסגעברענגט דעם קידוש ה'. האט אהרן מדקדק געווען, אז ער וויל אליין אנצינדן די מנורה יעדן טאג.

**די** גמרא (שבת כג:) זאגט, הרגיל בנר הויין ליה בנין תלמידי חכמים. ווען א מענטש איז רגיל אין א מצוה וואס איז פארבינדן מיט נרות, וועט ער האבן גוטע קינדער. רגיל בנר גייט ארויף אויף די ליכט פון חנוכה פון דעם רעדט די גמרא. און די זעלבע איז מיט נר של שבת, אז מען איז מדקדק אין נר של שבת. און מען איז מדקדק צו צינדן א נר אין בית הכנסת. יעדע הדלקה של מצוה וואס איז פארבינדן מיט א נר, זאגט די גמרא, הרגיל בנר, איז דא א ברכה אויף קינדער תלמידי חכמים. אהרן האט דאך געוואלט האבן קינדער תלמידי חכמים, ווי איז נאך דא א גרעסערער הרגיל בנר, ווי צינדן די מנורה אין בית המקדש, די העכסטע מצוה מדאורייתא צו צינדן די מנורה. האט ער געוואלט זיין דער הרגיל בנר, האט ער עס נישט איבערגעגעבן פאר קיין אנדערן, כדי ער זאל האבן קינדער תלמידי חכמים. - און ער האט טאקע געהאט, נדב ואביהוא און אלעזר ואיתמר זענען געווען זייער גרויס. נדב ואביהוא האבן נישט איבערגעלעבט דעם זמן וואס ער האט אנגעצינדן די מנורה, אבער אלעזר ואיתמר האבן דאך איבערגענומען שפעטער די כהונה גדולה פון אהרן.

**עס** קען זיין, הרגיל בנר האט מען קינדער תלמידי חכמים, עס איז דא נאך א גמרא (שבת כג:) אז א רחים רבנן הוו ליה בנין רבנן, ווען א מענטש האט ליב תלמידי חכמים, ער איז מחזיק תלמידי חכמים, איז עס א ברכה פאר קינדער, אז די קינדער זאלן זיין תלמידי חכמים. קומט אויס, אז אויף צוויי זאכן שטייט די זעלבע סארט ברכה. אויף א רחים רבנן, און אויף א רגיל בנר שטייט אויך אז ער וועט האבן קינדער תלמידי חכמים.

**א** נר, א ליכט, איז די עיקר חשיבות דערפון, די פייער וואס ליגט אויבן, דאס גיט די ליכטיגקייט, דאס גיט די ווארימקייט. די איבריגע זאכן האט מען נישט קיין נוצן דערפון, נישט די פתילה, נישט דער שמן, עס ווערט דאך פארברענט. די ליכטיגקייט קומט ארויס פונעם אש. דער אש קען זיך אבער נישט האלטן אן די פתילה און אן דעם נר. דער אש וועט ברענען א מינוט, צוויי, דריי, און ער וועט זיך פארלעשן. אז עס וועט זיין א פתילה אליין, וועט עס ברענען נאך דריי מינוט, ווילאנג די פתילה וועט זיך אפברענען. אז עס איז דא שמן, דעמאלטס וועט עס ברענען נאך לענגער. דער שמן מיט די פתילה דאס טוט אויפהאלטן דעם אש, אז עס זאל קענען ברענען.

**דאס** איז א רמז אויף ישׂשכר און זבולון. די תלמידי חכמים זיי זענען אש, אזוי שטייט אין די גמרא (חגיגה כז.), תלמידי חכמים כל גופן אש. אבער דער אש קען זיך נישט האלטן אליין, ער דארף האבן א פתילה, ער דארף האבן שמן, ווער עס זאל אים האלטן ער זאל קענען ברענען. דער גאנצער חשיבות פונעם נר איז טאקע דער פייער, אבער ער קען נישט עקזיסטירן פאר זיך, אן דעם וואס ער האט די פתילה מיט דעם שמן, וואס טוט אים האלטן. דער נר איז א לימוד אויף מחזיק זיין תלמידי חכמים. תלמידי חכמים זענען דאך אויף אש, און דער וואס איז זיי מחזיק, דער איז די פתילה מיט דעם שמן וואס זענען מחזיק דעם אש.

פונעם נר קען מען זיך אראפלערנען, אז מען דארף מחזיק זיין א תלמיד חכם. ווערט מען דאך א רחים רבנן, און ווען מען ווערט א רחים רבנן, האט מען דאך קינדער תלמידי חכמים. הרגיל בנר, ווען איינער טוט זיך מרגיל זיין אין דעם ענין וואס מען זעהט ביי א נר, ווען ער קוקט אן א ליכט, און ער זעהט אז דער פייער ברענט נישט אליין, ווער גיט אים דעם כח, דאס קומט פון די פתילה און פון דעם שמן, וועט ער דאך פארשטיין אז מען דארף מחזיק זיין דעם תלמיד חכם וואס איז אש, איז הוו ליה בנין תלמידי חכמים, וועט ער האבן קינדער תלמידי חכמים, ווייל ווען איינער איז א רחים רבנן, האט ער קינדער תלמידי חכמים.

## דברי תורה שנאמרו לתלמידי הישיבה קטנה

יום ה' פרשת בהעלותך תשפ"ג לפ"ק

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן מיט די מצוה פון הדלקת הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב). די מנורה איז באשטאנען פון זיבן לעמפלעך, און עס איז געווען די מצוה, אז די קני המנורה זאלן זיך בייגען צו די מול פני המנורה, צו די מיטל'סדיגער חלק פון די מנורה. עס זענען געווען דריי נרות פון די זייט, און דריי נרות פון יענע זייט, און זיי האבן זיך געבויגען אל מול פני המנורה. די מיטלס'דיגער חלק פון די מנורה, דאס ווערט אנגערופן מנורה. ביי א לייכטער איז דא די מיטלסדיגער לייכטער, און נאכדעם איז דא די ארום און ארום וואס קומען ארויס פון די זייט. נישט די גאנצע הייסט לייכטער, נאר דער מיטלסדיגער חלק ווערט אנגערופן מנורה, און די איבריגע הייסן קני המנורה. דאס איז נאר קנים, די פירות וואס קומען ארויס. די קני המנורה, האבן זיך געבויגען צו די מיטלסדיגער חלק.

**אויף** די מיטלסדיגער חלק פון די מנורה, איז דא כמה דעות אין די גמרא (מנחות צח:), אז דאס איז דער נר המערבי. דער מיטלסדיגער חלק ווערט אנגערופן נר המערבי. פארוואס האט עס געהייסען נר המערבי, פארוואס איז ער מער אויף מערב ווי די אנדערע. ווייל זיין קנויט איז געווען מער געבויגן צו מערב זייט. די קדשי קדשים איז געווען אויף מערב, און דאס איז געווען געבויגן מער צום קדשי קדשים, האט עס געהייסען נר המערבי, און אלע האבן זיך געבויגן צו דעם נר המערבי.

**אויף** דעם נר המערבי זאגט די גמרא (שבת כב:) אז דאס איז געווען א עדות אז די שכינה איז שורה בישראל, פון דארט האט מען געוואוסט אז עס איז דא השראת השכינה אין בית המקדש. ווייל בשעת מען האט אנגעצונדען די מנורה, האט מען אריינגעלייגט די זעלבע מאס אויל אין אלע לעמפלעך, און נאכדעם האט מען אנגעצונדען די נר המערבי, און פון דעם נר המערבי האט מען אנגעצונדען די איבריגע. און שפעטער צופרי האבן זיך אלע ליכט אויסגעלאשן, ווייל די אויל איז אויסגעגאנגען, מען האט נאר אריינגעלייגט אויל כמדת לילה, עס זאל ברענען מערב עד בוקר (שמות כז-כא), און די מיטלסדיגע איז געבליבן ברענען דעם גאנצן טאג, עס האט זיך נישט אויסגעלאשען. מען האט עס נאר אויסגעלאשען שפעטער, כדי מען זאל קענען אנצינדען נאכאמאל די מנורה. דאס איז געווען א עדות לישראל, עס האט געהאט פונקט אזויפיל אויל ווי אלע אנדערע, וממנה היה מדליק ובה היה מסיים. דאס איז געווען דער נר המערבי. וואס איז דער ענין אז ביי די נר המערבי איז געווען דער נס אז די שמן איז געבליבן לענגער, עס האט געלאכטען מער פון די איבריגע נרות.

**אין** די מפרשים שטייט, אז די זיבן נרות איז א רמז אויף די זיבן טעג פון די וואך. דריי נרות זענען זונטאג מאנטאג און דינסטאג, און די אנדערע דריי זענען מיטוואך דאנערשטאג און פרייטאג, די

מיטלסדיגער דאס איז דער שבת, און אלע נרות פון די וואך, זענען געבויגען צום שבת, כל ברכאן דלעילא ותתא, ביומא שביעאה תליין (זוה"ק ח"ב פח.), אלע ברכות וואס איז דא אין די וואך, איז תלוי אינעם שבת. שבת קומט אראפ די השפעה אויף די גאנצע וואך שפעטער. א יוד מיט זיינע סעודות שבת, איז ער ממשיך די השפעה פון פרנסה. מיט זיין דאווענען און מיט זיין לערנען, איז ער ממשיך די רוחניות'דיגע חלק וואס ער דארף האבן אויף די גאנצע וואך. אבער אלעס ווערט געבענטשט פונעם שבת, ווייל דארט איז דער מקור פון די ברכה.

**וועגן** דעם האבן אלע נרות זיך געבויגען צו די מיטלסדיגע חלק פון די מנורה, ווייל אלע באקומען די השפעה פונעם שבת, וואס דאס איז דער מיטלסדיגער חלק. און אזוי ווי דארט ליגט דער מקור פון די ברכות, איז ממילא אפילו עס האט זיך שוין אויסגעלאשען די איבריגע נרות, איז אבער דער שבת'דיגער נר געבליבן לייכטען, ווייל דארט איז דער מקור פון די ברכה.

**וואס** דער מוסר השכל דערפון איז, וואס עס איז נוגע פאר אונז. אונז האב מיר נישט היינט קיין מנורה, אונז האב מיר נישט קיין בית המקדש, אבער דאס האט זיך נישט געטוישט, אז די קדושה וואס א יוד האט א גאנצע וואך, נעמט זיך פון זיין הנהגה אין שבת. **אז מען האט א ערליכען שבת, האט מען א ערליכע וואך שפעטער.** מיטן שבת איז א מענטש ממשיך וואס ער דארף צו האבן. עס שטייט אין **זוהר הק'** וואס מען זאגט שבת, אז טאמער א טיש איז נישט צוגעגרייט געהעריג צום עסן אויף שבת, פעלט פון די ברכה א גאנצע וואך. ווייל דאס האט צוגעגרייט די השפעה אויף די גאנצע וואך שפעטער. אין בית המקדש האט מען אויך שבת ארויפגעלייגט דעם לחם הפנים אויפן שלחן, און די השפעה משבת לשבת איז נשפע געווארן פון די לחם.

*

**דער** נר המערבי, דער מיטלסטע נר, ווייזט אויף נאך עפעס. **מצליח צו זיין אין תורה, דאכט זיך אסאך מאל אז עס האט צוטון מיט א גוטע קאפ. א גוטע קאפ איז מער מצליח, ער פארשטייט בעסער די גמרא, ער פארשטייט שנעלער וכדומה, און א שוואכערע קאפ פארשטייט שוואכער. און עס איז מסתבר, אז א חלק פון די הצלחה איז תלוי אין די כשרונות וואס א מענטש האט, אבער אין דעם ליגט נישט אלעס. יראת ה' טהורה עומדת לעד** (תהלים יט-י), **מכוון צו זיין לאמיתה של תורה, צום אמת'דיגען פשט אין תורה, האט נישט צוטון מיט א גוטע קאפ, עס האט צוטון מיט ערליכקיט ווי אזוי מען פירט זיך אויף. אז מען פירט זיך אויף ערליך, האט מען סייעתא דשמיא, אז מען איז מכוון צו די ריכטיגע אמיתיות של תורה.** די תורה וואס מען לערנט, איינער לערנט און ער פארגעסט, און איינער לערנט תורה און ער געדענקט עס. איינער געדענקט עס אויף א קורצע צייט, איינער געדענקט עס נאך מער. אין די גמרא (שבת לא.) שטייט, אז דאס איז אלעס תלוי אין די ערליכקייט. דער וואס פירט זיך אויף ערליך, האט סייעתא דשמיא אז עס בלייבט ביי אים די תורה. יראת ה' טהורה עומדת לעד, דרשנ'ט די גמרא, ווען עס איז יראת ה' טהורה, אז מען פירט זיך אויף מיט א ריינע יראת ה', איז די תורה וואס ער לערנט, עומדת לעד, דאס בלייבט אויף שפעטער.

**די** משנה (אבות ג-יב) זאגט, אז עס איז דא אמאל וואס עס איז חכמתו מרובה ממעשיו, זיין חכמה איז מער פון זיינע מעשים, ווען עס קומט זיך אויפצופירן ערליך, פירט ער זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין, אבער די חכמה האט ער, אין חכמתו מתקיימת, ער האט טאקע חכמה יעצט, אבער אז עס זאל בלייבן ביי אים, ער זאל קענען מצליח זיין אין תורה, ווען ער גייט ארויס פון ישיבה זאל ער קענען זיין באהלה של תורה, איז נישט אייביג דא. טאמער עס פעלט די מעשים פונעם מענטש, איז מען נישט מצליח אין תורה, די חכמה בלייבט נישט. אבער ווען עס איז מעשיו מרובין מחכמתו, אפילו זיין חכמה איז נישט אזוי גרויס, אבער עס איז מעשיו מרובין, ער פירט זיך אויף ערליך, ער דאווענט, און ער גיט זיך אכט, ער היט די אויגן, ער היט די מחשבות וכדומה, עס איז ביי אים יראת ה' טהורה, חכמתו מתקיימת, דעמאלטס בלייבט זיין חכמה.

**די** מנורה ווייזט אויף נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), תורה ווערט אנגערופן אור. מען האט געצונדען די מנורה, דאס האט געוויזען אנצוצינדען די תורה. תורה הק' באשטייט פון ששה קני מנורה, דאס איז די ששה סדרי משנה. און אלעס האט א מקור אין תורה שבכתב וואס דאס איז דער מיטלסדיגער חלק, אלעס בייגט זיך צו די פני המנורה.

**די** קני המנורה, די וואס לערנען תורה, די וואס לייכטען אין תורה, נישט יעדער איינער ברענט אייניג, מען לייגט אריין שמן, קען ער נאר ברענען לויט וויפיל די שמן איז. איין נר איז געווען וואס האט געלאכטען שלא כדרך הטבע, דאס איז דער נר המערבי. פארוואס האט דער נר המערבי געלאכטען מער, דער נר המערבי איז געווען מער געבויגען צום קדשי קדשים, די שכינה איז במערב (בבא בתרא כה:), די שכינה איז געווען אויף מערב זייט, און דער נר איז געווען מער געבויגען צו מערב זייט. דער אייבערשטער האט געוואלט ווייזען, אז דער נר וואס לייכט אין תורה, ווי נאנטער ער איז צו מערב, ווי נאנטער ער איז צו די שכינה, ווי מער ער פירט זיך ערליך, וועט זיין תורה לייכטען לענגער. אפילו ווען אנדערע קני המנורה ווערלן זיך אויסלעשן, אבער ער וועט בלייבן. דער נר המערבי האט געלערנט די חלק, אז ווער עס איז נאנטער צו די שכינה, וואס די שכינה איז במערב, האט אין זיך די ברכה, אז עס וועט לייכטען ביי אים די תורה.

**דאס** איז וואס מען דארף זיך אראפלערנען, אין יעדע פרשה איז דא א נקודה וואס מען דארף ארויסנעמען פון די פרשה. מען לעבט אין א וועלט פון אזויפיל נסיונות, און מען דארף האבן אסאך שמירה אז מען זאל זיך קענען היטן צו גיין בדרכי התורה. וואס א מענטש גיט צו, צו שמירת עינים, שמירת המחשבה, און מעשים טובים וואס ער טוט. עס איז נישט נאר ער האט זיך אפגעהיטן אין די זאך אליין, נאר דורך דעם שיינט זיין תורה שפעטער. ער איז זוכה בעסער צו פארשטיין וואס ער לערנט, און ער זאל געדענקען וואס ער לערנט. די אלע ברכות וואס מען דארף האבן צו תורה, ווענדט זיך אין דעם. וואס דאס האט געלערנט דער נר המערבי, אז ווי נאנטער מען איז צו די שכינה, דארט בלייבט די ברכה. אפילו ווען אנדערע נרות זענען שוין פארלאשען, איז ער געבליבן לייכטען.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת בהעלותך
## ונשנו בשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א׳ פרשת שלח תשפ״ג לפ״ק

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון הדלקת הנרות. בהעלותך את הנרות, אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות (במדבר ח-ב). דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אהרן, ווען דו וועסט אנצינדן די מנורה, זאלן זיך אלע בייגן אל מול פני המנורה. ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, אל מול פני המנורה העלה נרותיה כאשר צוה ה׳ את משה. רש״י זאגט, ויעש כן אהרן, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, ער האט געטון וואס מען האט אים געהייסן. ער האט נישט געטוישט פון דעם וואס דער באשעפער האט אים מצוה געווען.

**און** אלע שטעלן זיך שוין, פאר דעם דארף מען נישט האבן שבחו של אהרן, אז דער באשעפער גיט אים א מצוה, ער זאל אנצינדן די מנורה, און מען זאגט אז זיין שבח איז, אז ער האט נישט משנה געווען. און ער זאגט נישט שבחו של אהרן, אז ער האט ׳געטון׳ די מצוה, נאר ער האט נישט ׳משנה׳ געווען. וואס מיינט דער שלא שינה, אז ער האט נישט משנה געווען.

**די** מצוה פון הדלקת המנורה איז דא דריי מאל אין חומש. אין פרשת תצוה (שמות כז-כ) שטייט, ואתה תצוה את בני ישראל, ויקחו אליך שמן זית זך, כתית למאור, ׳להעלות׳ נר תמיד. שפעטער אין פרשת אמור (ויקרא כד-ב), נאך די פרשה פון די ימים טובים, איז איבערגע׳חזר׳ט די מצוה פון מנורה, און דארט שטייט אויך ׳להעלות׳ נר תמיד. נאכדעם קומט די פרשה פון בהעלותך, און דא שטייט שוין נישט להעלות נר תמיד אזוי ווי עס שטייט דארט. וואס איז דער חילוק, פארוואס דארט ווערט עס דערמאנט, און דא נישט.

**אין** די גמרא (שבת כב:) שטייט, מחוץ לפרוכת העדות באהל מועד, יערוך אותו אהרן (ויקרא כד-ג), ער רופט עס אן עדות. זאגט די גמרא, עדות הוא שהשכינה שורה בישראל, די מנורה איז געווען א עדות, אז עס איז דא די שכינה אין בית המקדש. אונז זעה מיר דאך נישט די שכינה, ווי אזוי האבן מיר געוואוסט אז עס איז דא א השראת השכינה אינעם בית המקדש.

זאגט די גמרא, אז ווען ער האט געצינדן די מנורה, האט ער אריינגעלייגט די זעלבע שמן אין אלע נרות, און צופרי האבן אלע אויסגעברענט, אויסער דער נר המערבי איז געבליבן ברענען, דאס איז געווען א עדות אז די שכינה איז שורה בישראל. עס האט נישט געהאט קיין שמן, און פון דעסטוועגן דאך האט עס געברענט, דאס איז דער עדות.

**דאס** אז דער נר המערבי האט געברענט שטענדיג, איז נישט געווען אין אלע צייטן. עס האט געדארפט זיין אן ערליכער כהן וואס האט עס געצינדן. די גמרא (יומא לט.) זאגט, אז אין די צייטן פון שמעון הצדיק, אלע זיינע פערציג יאר, האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן דער נר המערבי. אבער נאך שמעון הצדיק, פעמים האט עס געברענט, און פעמים נישט, עס איז נישט געווען אייביג.

**ווען** דער כהן איז אריינגעקומען צופרי, און ער האט געזעהן אז דער נר המערבי ברענט, האט ער אלעס געלאזט אזוי ווי עס איז. ער האט געמאכט הטבת הנרות, ער האט אויסגערייניגט די אויסגעלאשענע ליכט, און נאכמיטאג איז ער אריינגעקומען, און ער האט אנגעצינדן די מנורה. וואס איז געווען ווען ער איז אריינגעקומען, און ער האט געזעהן דער נר המערבי ברענט אויך נישט, האט ער געדארפט אנצינדן צופרי דעם נר המערבי, כדי אז עס זאל ברענען דארט א נר שטענדיג. און דאס לערנען מיר ארויס פון להעלות נר תמיד, אז אייביג האט געדארפט זיין דארט איין נר, דער נר המערבי האט געדארפט שטענדיג ברענען.

**קומט** אויס, אז אין די צייטן וואס עס איז נישט געווען דער נס, האט דער כהן געדארפט צוויי מאל צינדן. פארנאכטס איז ער אריינגעגאנגען אנצינדן אלע זיבן נרות פון די מנורה, און צופרי ווען ער איז אריינגעקומען, און אלע זענען געווען אויסגעלאשן, עס איז נישט געווען דער נס פונעם נר המערבי, האט ער געדארפט נאכאמאל אנצינדן דעם נר המערבי.

**אהרן** הכהן, האט דאך זיכער געהאט די מדריגה פון שמעון הצדיק, אז ווען ער האט אנגעצינדן די נרות, האט ער נישט געדארפט צופרי נאכאמאל אנצינדן דעם נר המערבי, ווייל עס האט געברענט פון זיך אליין. וועגן דעם ווערט נישט דערמאנט דא אין די פרשה להעלות נר תמיד, אזוי ווי ביי די איבריגע פרשיות. ווייל דא רעדט מען דאך פון אהרן, דבר אל 'אהרן' ואמרת אליו בהעלותך את הנרות, ווען דו וועסט אנצינדן די נרות, אל מול המנורה יאירו שבעת הנרות. און ביי דיר איז נישט דא קיין להעלות נר תמיד, ווייל ווען דו וועסט עס אנצינדן, וועט דער נר המערבי ממילא ברענען שפעטער. קומט אויס אז ער האט נאר געדארפט צינדן די מנורה איינמאל, יעדע פארנאכטס. צופרי האט ער נישט געדארפט אנצינדן, ווייל עס האט געברענט פון פריער.

**זאגט** די תורה, ויעש כן אהרן, אהרן האט נישט געדארפט מקיים זיין דעם להעלות נר תמיד, אנצינדן די מנורה צופרי, ויעש כן, ער האט נאר געטון אזוי ווי עס שטייט דא, ער זאל פארנאכטס אנצינדן אלע זיבן נרות, ווייל דער נר המערבי איז געבליבן ברענען ביז צופרי. דאס איז להגיד שבחו של אהרן, דאס איז דער שבח פון אהרן, שלא שינה, אז ער האט נישט געדארפט צוויי מאל צינדן. יעדער כהן אויב דער נר המערבי האט נישט געברענט, האט ער געדארפט צופרי נאכאמאל אנצינדן דעם נר המערבי, אבער להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, ביי אהרן איז נישט געווען קיין שינוי.

**דער רמב"ם** (הל' תמידין ומוספין ג-יב) האלט, אז מען האט געדארפט צינדן די מנורה צופרי אויך. ווען דער כהן איז אריינגעקומען און ער האט געזעהן אז עס ברענען נישט די נרות, האט ער געדארפט אנצינדן נאכאמאל אלע נרות. וואס עס האט געברענט האט ער געלאזט ברענען, און וואס עס האט נישט געברענט, האט מען געדארפט נאכאמאל אנצינדן. די מנורה האט געברענט די גאנצע נאכט און די גאנצע טאג. איי אין פסוק שטייט דאך מערב עד בוקר. אויף דעם איז געווען א מצוה פון הדלקה, א יעדע פארנאכטס האט מען געמוזט צינדן. צופרי, אז עס האט געברענט איז גוט, און אז עס האט נישט געברענט, האט ער עס אנגעצינדן נאכאמאל. אבער וואס עס האט געברענט, האט ער נישט געדארפט טוישן צופרי.

**עס** איז ניתן להאמר, אז ביי אלע כהנים וואס האבן געצינדן די מנורה, איז געבליבן ברענען נאר דער נר המערבי, אבער ווען אהרן הכהן האט געצינדן, זענען אלע נרות געבליבן ברענען צופרי אויך. עס איז געווען דער נס נישט נאר אינעם נר המערבי, נאר אין אלע נרות. און עס איז דא א מדרש (תנחומא תצוה ג),

אז רבי חנינא בן דוסא האט געזאגט, עס איז געווען אמאל א יאר וואס איז געווען ווייניג שמן, און מען האט זיך געזארגט ווי אזוי מען וועט קענען צינדן די מנורה, האט ער געזאגט, אז ביי אים איז געווען אמאל וואס א גאנץ יאר האט געברענט די מנורה פון איינמאל אנצינדן! אזוי שטייט אין מדרש. האט דאך אהרן הכהן זיכער געהאט די מדריגה אז כאטש געווענליך לעשן זיך אויס די נרות צופרי, אבער זיינע נרות האבן זיך נישט אויסגעלאשן.

**איז** דאך לויטן רמב"ם, ביי אלע כהנים שפעטער, האט דער כהן געדארפט צוויי מאל צינדן אלע נרות. ער האט געדארפט צינדן פארנאכטס, און צופרי האט זיך אויסגעלאשן, לויט יעדן איינעם, אלע זעקס נרות, עס איז נאר געבליבן דער נר המערבי, האט דער כהן געדארפט אנצינדן די זעקס נרות. אבער ביי אהרן הכהן, אז עס איז געבליבן ברענען אלע נרות, האט מען צופרי נישט געדארפט נאכאמאל אנצינדן.

**זאגט** די תורה הק', בהעלותך את הנרות, ווען דו וועסט אנצינדן די נרות, אל מול פני המנורה יאירו 'שבעת הנרות'. אין די דורות שפעטער וועט נאר בלייבן ברענען איין נר, דער נר המערבי וואס איז לפני ה', אבער ווען דו וועסט צינדן, יאירו, וועלן לייכטן, אלע שבעת הנרות. ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, ער האט איינמאל אנגעצינדן די מנורה, און דאס האט געברענט ביז דעם אנדערן טאג, עס האט געברענט אלע נרות. להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, צופרי האט מען נישט געדארפט נאכאמאל אנצינדן די מנורה, ווייל פון די נעכטיגע נרות איז געבליבן ברענען ביז דעם קומענדיגן טאג, און פארנאכטס האט מען עס אויסגעלאשן, כדי מען זאל קענען צינדן די פרישע נרות.